YPΔ

HARVARD UNIVERSITY LIBRARY

סאָוועטיש

5 1966

היימלאַנד

לייענט אין קומענדיקן נומער:

דעם סאָף פון ה. פּאָליאַנקערס „דער בעקער פון קאָלאָמייע״, דעם ראָמאַן פון א. קליאָנאָוון „די אנטלאָפענע פון Xו פּאָרט״.

■

קינסטלערישע רעפּאָרטאַזשן, רײַזע-נאָטיצן און פאַרצייכענונגען: ש. ר א ב י נ אָ ו י ט ש. מאָסקווע—טעל-אוויוו; ש. ג אָ ר ד אָ ן. שטעטלעך (סאָף); ד. ה אָ פּ ש ט י י ן. די מוטער רוטמאַן אא.

■

לידער-ציקלען פון מ. סאַקציִער, י. קאָטליאַר, ש. רויטמאַן.

■

אין דער אָפּטיילונג פון קריטיק וועלן פאַרעפנטלעכט ווערן ארטיקלען פון י. ליובאָמירסקי וועגן אײַזיק הובערמאַנען, פון י. סערעבריאַני וועגן שאָלעם-אליינעמס „מענאַכעם-מענדל״ אא.

■

זיכרוינעס. בריוו פון לייענער. ליטעראַרישע נײַעס. שעפערישע לאַבאָראַטאָריע. זינג-ליד.

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

זעקסטער יאָרגאַנג

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

מײַ

ה

1966

אינהאַלט

זײַט

50־טער יאָרצײַט פון שאָלעם־אַליכעם

שאָלעם־אַליכעמס געווינעס 3

נאָכעם אויסלענדער. דער יונגער שאָלעם־אַליכעם (פּיעסע אין דרײַ אַקטן) 11

ל. ראַבינאָוויטש (ליאַלי קויפמאַן). מײַן פֿאָטער. פֿאָר־וואָרט — כאַצקל נאַדעל 41

מוישע אַלטמאַן. שאָלעם־אַליכעם — דער מיטל־זײַל פון דער יידישער ליטעראַטור 53

אויזער האָלדעס. ראַיוינעס וועגן אונדזער פאָלקס־שרײַבער 58

מוישע טייף. דער טאָג דער הײַנטיקער (לידער) 67

הירש פּלאַסקאָוו. פּראָנטאָוויקעס (פאַרצייכענונג) 71

הירש רעלעס. באַ יונגער שײַן (לידער) 74

שירע גאָרשמאַן (צום 60־טן געבורטסטאָג). זאָל פעלן א האָר... — שטיינערנע הערצער. — פאַרב נעם בא מיר (דערציילונגען) 77

כאַים מאַלטינסקי. זײַט וויסן (לידער) 86

הערשל פּאָליאַנקער. דער בעקער פון קאָלאָמייע (דריטער טייל). צייכענונגען ה. אינגער 90

מאָטל גרוומאַן (צום 50־טן געבורטסטאָג). דער וואָלקן. — דערמאָנונגען (לידער) 116

אירמע דרוקער. קלעזמער (ראָמאַן. סאָף). צייכענונגען א. ריטאָוו 118

ליטעראַטור און קונסט. הערש רעמעניק. ליכטיקע באַגאַ־בונג (צום 60־טן געבורטסטאָג פון ריווקע רובין) 148

כראָניק 117, 152

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען 155

פאַרשיידנס 156

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר 158

לאָמיר זינגען נײַע לידער. אף העכסטער הייך. ווער־טער — שמועל ראָסין. מוזיק — לייב יאַמפּאָלסקי 160

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

ה. אַשעראַוויטש, אי. באַ־
רוכאַוויטש, א. גאַנטאַר,
מ. טייף, נאַטע לוריע, מ. לעוו
(פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר),
ב. מילער, י. פאַליקמאַן,
ס. פּרײַ, י. ראַבין, ר. רובין.

ליכטיקע באַגאַבונג

צום 60־טן געבורטסטאָג פון ריווקע רובין



מיט א פּאָר יאָר צוריק, ווען אין רעדאקציע „סאָוועטיש היימלאַנד“ איז אָפּגעמערקט געוואָרן מרישע טייפּס 60־טער געבורטסטאָג, איז ארויסגעטראָטן אויך ריווקע רובין און האָט צווישן אנדערן דערציילט, אז אין איר פריִער יוגנט האָט זי געשריבן לידער. האגאם דאָס איז געווען פאר מיר א נײַס, האָט דאָס מיך ניט פארוווּנדערט. פאר מיר איז דאָס, פארקערט, געווען א באשטעטיקונג, אז ריווקע רובין איז אן עמעסער קריטיקער. ווײַל אן עכטער קריטיקער איז א קינסטלער, דאָס הייסט ער איז ניט בלויז פייִק אופצונעמען, פארשטיין קונסט און דערקלערן אירע דערשײַנונגען, נאָר אויך אליין ריידן אף דער שפּראך פון קונסט, „דענקען בילדעריש“, שאפן געשטאלטן און עמאָציאָנעל ווירקן.

איצט ווייסן מיר שוין, אז ריווקע רובין איז ניט קיין דיכטער, נאָר א פּראָזאיִקער. און דאָס איז ווידער א באשטעטיקונג פון איר עכטן בארוף אלס קריטיקער. אז מע לייענט ריווקע רובינס אן עסיי, א ליטעראטור־היסטאָרישע ארבעט, זעט מען גלײַך, אז דאָס האָט געשריבן א קינסטלער.

אינעם דאָזיקן קורצן עטיוד קאָן איך, באטירלעך, ניט געבן קיין אלזײַטיקע און אוואדע ניט קיין אויסשעפּנדיקע כאראקטעריסטיק פון ריווקע רובין אלס שרײַבער. בא הײַנטיקן טאָג איז זי איינע פון די סאמע באדײַטנדיקע שעפער פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור. און האגאם ביז איצט האָט מען וועגן איר שאפונג קימאט ניט געשריבן, איז זי אָבער אנערקענט.

ריווקע רובין איז א בעלעטריסט און א קריטיקער. און אין ביידע זשאנרען איז פאר איר כאראקטעריסטיש דאָס, וואָס מע קאָן אָנרופן מוסקולאטור פון סטיל, קולטור פון שפּראך און, כ׳וואָלט אפילע געזאָגט, קולטור פון שאפונג. ריווקע רובינס שפּראך און סטיל איז איידעלע פּאשטעס, וואָס איז קוילעל אי קלאָרקײַט פון אויסדרוק, אי לויטערקײַט פון געדאנק.

די כאראקטעריסטיק פון אירע ליטעראריש־קריטישע ארבעטן וויל איך אָנהייבן פון איינִיקע שטריכן, וואָס זײַנען, לויט מײַן מיינונג, איר מער אייגנטימלעך. אין דער ערשטער ריי, דאכט מיר, דארף געזאָגט ווערן וועגן איר זעלבשטענדיקײַט אינעם קריטישן אנאליז. באטירלעך, קאָן דער קריטיקער ניט איגנאָרירן דאָס, וואָס איז שוין געזאָגט געווען ביז אים וועגן דעם אָדער יענעם שרײַבער און ווערק. ער דארף דאָס וויסן און האָבן אין זינען טאקע צוליב דעם, קעדיי ער זאָל קאָנען זײַן זעלבשטענדיק און זאָל ניט אנטדעקן קיין אמעריקעס, וואָס זײַנען שוין לאנג אנטדעקט.

ריווקע רובין איז אינגאנצן פרײַ פון אָט דער מין פארשלעפּעניש. זי קאָן אָנשרײַבן א מער געלונגענע און א ווייניקער געלונגענע ארבעט. אָבער שטענדיק איז דאָס איר ארבעט, און בלויז אירע. עס איז דאָך אינטערעסאנט, וואָס אין קיין איין ארטיקל אירס טרעפן מיר ניט קיין ציטאטעס, אין וועלכע זי זאָל זיך סוימעך זײַן אף פרעמדע מיינונגען. ציטאטעס נעמט זי בלויז פון די ווערק פונעם שרײַבער, וועלכע זײַנען נייטיק צוליב דעם אנאליז.

זעלבשטענדיקײַט איז אָבליגאטאָריש פאר א קריטיקער. עס איז אָבער ניט גרינג צו דערגרייכן אזא שטופּע. ריווקע רובין דערגרייכט זעלבשטענדיקײַט אין די מער געלונגענע ארבעטן אירע. באזונדערס האָב איך אין זינען אירע ארבעטן וועגן פּערעצן און שאָלעם־אלייכעמען. אין אונטערשייד פון א ריי אנדערע ארטיקלען וועגן די קלאסיקער, זײַנען ר. רובינס פאָרשונגען גוט דורכגעטראכט, פון זיי איז צו זען, אז דער אוטאָר האָט פעסטע אָנשוירונגען וועגן די סאמע קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פון דער קלאסיק. איך וועל זיך דערלויבן ברענגען דאָ א קליינעם אויסצוג פון ר. רובינס אן עטיוד וועגן פּערעצן, וועלכער זעט מיר אויס צו זײַן גאָר טרעפלעך און געלונגען:

„פּערעץ דער רעאליסט שנײַדט אוף מיט דער ניכטערער אומבעראכמאָנעסדיקײַט פון א כירורג די בלאָטערס אינעם געזעלשאפטלעכן אָרגאניזם פון זײַן צײַט; פּערעץ דער ראָמאנטיקער באוועגט זיך אין אן אויסגעטרוימטער וועלט פון איידלקײַט, פון רוכניעס, פון מענטשלעכער גאנצקײַט. ער שאפט די פאָלקסטימלעכע געשיכטע, די קישעף־מײַסע, וווּ שטענדיק זיגט די טוגנד; פּערעץ דער סאטיריקער גרײַפט אָן בייז און גאליק די אומפארשעמטע געלט־זעקדי פרומע קעץ, וועלכע דערשטיקן מיט א פרומען זיפץ

דאָס צאַרטע זינג־פֿיגעלע מיט זײַן פֿרײַהײַט־ליד, די באַגרענעצטע שמאָלקעפּיקע באַשעפֿענישן פֿונעם קלײנבירגערלעכן „געמויזעכץ", וואָס מיינען, אַז העכער דעם שליים איבער זייער בלאָטע איז שוין גאָר קיין הימל ניטאָ; פּערעץ דער ליריקער שאַפֿט די וווּנדערלעכע נאָוועלן פֿון די קעלער־שטיבער, וווּ אין אָרעמקייט און ענגשאַפֿט, הינטער אַ ביליק שפּאַניש ווענטל בליט אויף און ווערט אָפּט צעטראָטן דאָס צאַרטסטע ליבע־געפֿיל". די כאַראַקטעריסטיק פֿון פּערעצעס שאַפֿן איז דאָ געגעבן גאָר געפּרעסט, לאַקאָניש און אַפֿילע לאַפּידאַריש, און דאָך — אַלזײַטיק, טיף און אייגנאַרטיק. דאָ איז פֿאַראַן וויסן, פֿאַרשטאַנד, געפֿיל און דעריקער — טאַלאַנט.

פֿון ריוועקע רובינס אַרבעטן וועגן שאָלעם־אַלייכעמען האַלט איך אין דער ערשטער ריי אויסגעטײלט דעם עסיי „אין דער מיט וועג" — וועגן דעם „פּאַרקישעפּטן שנײַדער". אויב איך האָב פֿריִער גערעדט וועגן רובינס קראַפֿט פֿון אַפֿאָריסטישער געפּרעסטער כאַראַקטעריסטיק אין דער אַרבעט וועגן פּערעצן, וויל איך איצט אונטערשטרײַכן אַן אַנדער זײַט פֿון איר ליטעראַריש־קריטישער און פֿאַרשערישער שאַפֿונג — די קראַפֿט פֿון אַנאַליז. וועגן „דעם פּאַרקישעפּטן שנײַדער" האָט מען דאָך אויך ניט ווייניק געשריבן. פֿונדעסטוועגן האָט ריוועקע רובין אַף אַ נ ײַ ע ם אויפֿן געזאָגט איר וואָרט וועגן אָט דעם גאָר שטאַרקן ווערק פֿון שאָלעם־אַלייכעמען. רובינס אַרבעט וועגן „פּאַרקישעפּטן שנײַדער" איז אַ טרעפֿלעכער אַנאַליז פֿון אידיי, פֿון סוזשעט, פֿון דער גאַנצער אַרכיטעקטאָניק פֿון ווערק, פֿון געשטאַלט און פֿון שפּראַך. אין דער זעלבער צײַט איז דאָס ניט בלויז אַנאַליז, נאָר אויך שעפֿערישע זוכונג און סינטעטישע פֿאַראַלגעמיינערונג, דינע באַמערקונגען וועגן דעם שרײַבערס שאַפֿונג, פֿײַנע פּאַראַלעלן מיט דער רוסישער ליטעראַטור, באַאָבאַכטונגען איבער שאָלעם־אַלייכעמס הומאָר אאַ.

צו די מער געלונגענע, טיפֿערע אַרבעטן רעכן איך צו אויך דאָס אַרטיקל „אַרום בערגעלסאָנס פּראָזע". דאָס איז אַ טיפּישער עסיי, אָבער ניט פֿון יענעם מין עסייען, אין וועלכן דער קריטיקער פֿאַרנעמט זיך מיט „זעלבסטאַנטפּלעקונג" און פֿאַרגעסט אינעם אָביעקט פֿון זײַן אַנאַליז. דער עסיי האָט אַן אידיי, וואָס באַגײַסטערט דעם קריטיקער און מאַכט איבערצײַגעוודיק די אַרגומענטאַציע. די אידיי וועגן דעם, אַז בערגעלסאָנס ווערק זײַנען ניט בלויז פּראָזע, נאָר אויך דיכטונג, איז עפּשער ניט אַזוי נײַ און איז שוין מיסטאָם אַפֿילע ערגעץ־ווו אַרויסגעזאָגט געוואָרן. אָבער בײַ ריוועקע רובין איז אָט די פּראָבלעם געשטעלט צום ערשטן מאָל ווי אַ פּראָבלעם פֿון בערגעלסאָנס שאַפֿונג און זי באַקומט דעריבער אַ נײַע באַדײַטונג און אַ נײַע באַלײַכטונג. אויסער דעם, איז דער געדאַנק, אַז בערגעלסאָנס פּראָזע האָט געווירקט אַף דער דיכטונג, זייער אַ פֿרוכטבאַרער און האָט אַ רעאַלן באָדן.

ריוועקע רובין איז אַפֿילע אין אירע אַרבעטן וועגן די קלאַסיקער — אַ קריטיקער. פֿאַר איר איז דער שרײַבער פֿון פֿאַרגאַנגענהײַט אַן אָביעקט פֿון קריטישן אַנאַליז, פּונקט אַזוי ווי די שאַפֿונג פֿון אַ הײַנטצײַטיקן שרײַבער. זי איז שטענדיק קאָנקרעט און לאָזט זיך ניט אַוועק אין די ווײַטע דראָכים פֿון פֿילאָסאָפֿיע, ליטעראַטור־געשיכטע. זי לאָדט ניט איבער אירע אַרבעטן מיט זײַטיקע מאַטעריאַלן. זי שרעקט ניט אָפּ דעם לייענער מיט פּסעוודאָאַקאַדעמישע בקיעס, וואָס דאַרפֿן ווײַזן „ערודיציע".

די זעלבע שטריכן — זעלבשטענדיקײַט, סינטעטישע פֿאַראַלגעמיינערונג, אָריגינעלקײַט אין אַנאַליז און קאָנקרעטקײַט — זײַנען כאַראַקטעריסטיש אויך פֿאַר ריוועקע רובינס ליטעראַריש־קריטישע אַרבעטן וועגן די הײַנטצײַטיקע שרײַבער. באַטירלעך, זײַנען אירע אַרבעטן לויט זייער פּראָפֿעסיאָנעלן קריטישן ניוואָ ניט אַלצײנס. אָבער די מער באַדײַטנדיקע זײַנען שטענדיק אינטערעסאַנט.

ריוועקע רובין איז, ווי מיר שײַנט, אַ מײַסטער פֿון ליטעראַרישן פּאָרטרעט. איך וועל דאָ אָנרופֿן דעם פּאָרטרעט פֿון שמועל גאָדינערן. איינער פֿון די ערשטע ייִדישע סאָוועטישע פּראָזאַיִקער, האָט אָבער גאָדינער גאַנץ לאַנג זיך ניט אָפּגעשטעלט אין זײַן אַנטוויקלונג. ער האָט אַלץ געזוכט און געזוכט נײַע טעמעס, געשטאַלטן, נײַע פֿאָרמעס און האָט העלדיש פֿאַרענדיקט זײַן לעבנסוועג. ער איז אַוועק פֿונעם לעבן, ווען ער האָט נאָך געהאַלטן אין סאַמע מיטן פֿון אומרויִקן שעפֿערישן זוכן. „צווישן קריג און קריג" — אַזוי הייסט ריוועקע רובינס אַרטיקל וועגן גאָדינערן. בײַ ריוועקע רובין איז ניטאָ קיין צופֿעליקע קעפּלעך. אינעם נאָמען פֿונעם אַרטיקל איז שוין פֿאַראַן די אידיי און די קווינטעסענציע פֿונעם אַרטיקל. צווישן קריג און קריג — דאָס איז גאָדינערס שעפֿערישער וועג, וועלכן רובין ווײַזט ריכטיק און קלאָר. פֿון אַלע אַרטיקלען, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו לייענען וועגן גאָדינערן, איז רובינס דאָס סאַמע פֿאַראַלגעמיינערנדיקע. דער קריטיקער שטעלט פֿעסט, אַז גאָדינערס שאַפֿונג איז „די קינסטלערישע ביִאָגראַפֿיע פֿון אַ דאָר", וואָס איז אויסגעשטאַנען צוויי וועלט־מילכאָמעס, צוויי רעוואָלוציעס און אַ בירגערקריג.

נאָך געלונגענער איז דער פּאָרטרעט פֿון זעליק אַקסעלראָדן, און איך וויל ווידעראַמאָל זאָגן, אַז אינעם קעפּל פֿונעם אַרטיקל „דערהויבענע שטילקײַט" איז שוין גלענצנדיק אויסגעדריקט דער מיין פֿונעם קריטיקער, וועלכער האָט דאָך סינטעזירט דעם דיכטערס אַ ליד „שטילקײַט האָט דערהויבן מײַנע לידער" און זי פֿאַרוואַנדלט אין אַ מין פּראָגראַם פֿונעם דיכטערס שאַפֿן אינגאַנצן גענומען.

„דערהויבענע שטילקײַט" איז ניט בלויז אַ דערפֿאָלג פֿונעם קריטיקער, נאָר אין אַ געוויסן זין — אַן אויפֿטו. זעליק אַקסעלראָד — איינער פֿון די סאַמע באַגאַבטע, פֿון די ערשטע גרויסע ייִדישע סאָוועטישע דיכטער, אַ ביז גאָר אייגנאַרטיקער און צאַרטער ליריקער — האָט געהאַט אַ ניט גרינגן גורל באַם לעבן און אַ טראַגישן טויט. ריוועקע רובינס אַרטיקל „דערהויבענע שטילקײַט" איז אין טאָך די ערשטע ערנסטע אַרבעט, וואָס מאָלט דאָס רעאַלע געשטאַלט פֿון דעם דיכטער זעליק אַקסעלראָד.

פֿאַר מיר אַלס קריטיקער איז געווען אינטערעסאַנט רובינס אויפֿן פֿון אַנטפּלעקן די *אינערלעכע* קינסטלערישע יסוידעס, אַף וועלכע עס האַלט זיך דעם דיכטערס ליריק, די ספּעציפֿיק פֿון זײַן בילדערישקײַט. אָנשרײַבן אַ קריטיש אַרטיקל איז ניט אַזוי שווער. מע קאָן דאָך שרײַבן, און ניט זעלטן טוט מען דאָס, בלויז אָנרירנדיק די אויסערלעכע זײַט פֿונעם קינסטלערס שאַפֿונג. אַ סך שווערער איז אויסגעפֿינען און ווײַזן דאָס האַרץ, די נעשאָמע פֿונעם דיכטער, זײַן אינערלעכן גײַסט, זײַנע באַהאַלטענע אינטאָנאַציעס און אַקצענטן, דורך וועלכע ער באַצויבערט דעם לייענער. און אָט אָ־די שווערע אַרבעט האָט ריוועקע רובין אָפּגעטאָן גאַנץ געניט בענעגייע דעם דיכטער זעליק אַקסעלראָד. איך קלײַב זיך ניט איבערדערציילן דאָס אַרטיקל. איך וויל נאָר דערמאָנען, וויאַזוי ר. רובין האָט איידל גענומען דעם דיכטערס אינסטרומענט, אַ שפּיל געטאָן אַף זײַנע שענסטע סטרונעס

און דערפירט צו דעם אויער פונעם לייענער די קימאַט שוין פארגעסענע ליד. איך האָב שוין פריִער געזאָגט וועגן דעם סינטעז פון „דערהויבענער שטילקייַט". דאָס איז ניט קיין געפינס פונעם קריטיקער, נאָר דער עמעס פונעם דיכטער, וואָס דער קריטיקער האָט אופגעדעקט. און ניט ווייניקער איז ריווקע רובינס דערפאָלג אינעם אופדעקן דעם קינסטלעריש־פילאָסאָפישן טאָך פונעם לייטמאָטיוו אין אקסעלראָדס ליריק. דער לייטמאָטיוו — דאָס איז דער ווינטער־פייזאַזש. ווינטער, פראָסט, ווייַסקייַט און זויבער פון שנייען — דורך אזא פריזמע, דורך שניי און גלי פון פראָסט, דורך ווייַסקייַט פון ווינטער קומט דאָס געזאנג פונעם דיכטער וועגן מענטשן, וועגן לעבן. און דאָס ווייַזט רובין. דאָס איז די קונסט פון קריטיק.

ריווקע רובין, דער טאלאנטפולער קריטיקער און ליטע־ראטורפאָרשער, צייכנט זיך אויס אין אלע אירע ארבעטן מיט אזא מייַלע, וואָס איז מיר באזונדערס צום הארצן: באשיידנקייַט, כ'וואָלט אפילע געזאָגט — א מין פרויִשע צניִעסדיקייַט, אבסאָליוטע אָנפרעטענציִעזקייַט, פרעמדקייַט בענעגייע געמאכטער מאניִרלעכקייַט, פולשטענדיקע אָרגא־נישע נאטירלעכקייַט. דאָס אלץ איז די אייגנשאפט פון ר. רובינס סטיל. און אזוי ווי מע זאָגט, אז דער סטיל — דאָס איז דער מענטש, מיין איך, אז אָט די מייַלע פון איר סטיל קאָן מען אריבערטראָגן אף ריווקע רובינס כא־ראקטער, אף איר אינדיווידואליטעט.

איך וואָלט געקאָנט אָנווייַזן נאָך אף אנדערע ארבעטן ר. רובינס: אירע לעצטע ארטיקלען וועגן שעכטמאנען, קאגאנאָווסקין, אירע ארטיקלען און רעצענזיעס וועגן קוויטקאָן, ראבינען, גרוביאנען, קיפניסן, פינינבערגן און אנדערע. אומעטום פילט זיך די שטייַפע האנטשריפט פון אן אָריגינעלן שרייַבער.

און קעדיי צו פארענדיקן מיט אָט דעם טייל פון ריווקע רובינס שאפונג, ווילט זיך מיר נאָך אָפמערקן אירע אופטוען אין געביט פון פאָפוליאריזירן די ייִדישע ליטעראטור פארן לייענער פונעם פילפעלקערדיקן ראטנ־פארבאנד. איך האָב דאָ אין זינען אירע פאָרווערטער צו די אויסגאבעס פון שאָלעם־אלייכעמען, פערעצן, ווענד־ראָפן, אקסעלראָדן א. אנד. אין רוסיש. אייניקע פון זיי זייַנען איבערגעזעצט פון רוסיש אף ארמעניש און אנ־דערע שפראכן. ריווקע רובין האָט אויך איבערגעזעצט אין רוסיש פיל ווערק פון שאָלעם־אלייכעמען און פערעצן, פון ווענדראָפן און נאָטע לוריע.

■

ווען איך האָב זיך גענומען גרייטן צו שרייַבן אָט דאָס ארטיקל, האָב איך זיך באקענט מיט ריווקע רובינס זאמ־לונג גאָר געראָטענע פארצייכענונגען „ייִדישע פרויען". איך גיי מיט דעם גאנג, אז דער קריטיקער שרייַבט אויך לידער, דראמעס און פראָזע. די געשיכטע פון דער ליטע־ראטור באשטעטיקט פולשטענדיק אָט דעם שטאנדפונקט. מע קאָן אָנרופן אזעלכע נעמען, ווי לעסינג, דידראָ, בע־לינסקי, טשערנישעווסקי, דאָבראָליובאָוו, לונאטשארסקי. פון די ייִדישע סאָוועטישע קריטיקער האָבן געשריבן לידער, דראמעס און פראָזע ווינער, דאָברושין, נוסינאָוו, אויסלענדער, וועוויאָרקע, האָלדעס; און בא הייַנטיקן טאָג שרייַבן בעלעטריסטישע ווערק אירמע דרוקער און ריווקע רובין. אלס קלאל זייַנען די קינסטלערישע ווערק פון די קריטיקער דער צ וו יי ט ע ר זשאנער אין זייער ליטערא־רישער שאפונג, פונקט ווי בא די קינסטלער — זייערע ליטעראריש־קריטישע ארויסטרעטונגען. דעריבער האָט מיך איבערראשט ניט דער פאקט גופע, וואָס ריווקע רובין האָט פארעפנטלעכט א ביכל פארצייכענונגען, נאָר דער ק י נ ס ט ל ע ר י ש ע ר נ י וו אָ פון דער זאמלונג.

ווען מע לייענט איצט די דאָזיקע פארצייכענונגען, נעמט מען זיי אויף ווי נאָוועלן, און בלויז ווי נאָוועלן. וועמען קאָן דען אינטערעסירן דער פאקט, וואָס איז געלייגט געוואָרן אין גרונט פון דעם ווערק, וויבאלד עס ווירקט אפן לייענער עמאָציאָנעל ביז איצט? מיך, דעם לייענער, אינטערעסירט ניט, צי האָט געלעבט אינדערעמעסן די פרוי דווירע עדלין. פאר מיר עקזיסטירט זי ניט ווי א לעבעדיקער מענטש, נאָר ווי א געשטאלט, אין וועלכן עס זייַנען פארקערפערט די שטריכן, דאָס לעבן און דער גוירל פון „ייִדישע פרויען". די פארצייכענונגען און נאָ־וועלן, האגאם אייניקע פון זיי זייַנען ניט פרייַ פון קינסטלערישער נאיִוויטעט, האָבן א שטייַפע קאָמפאָזיציע, אן אָנגעלאָדענע מיט האנדלונג, מיט דינאמיק, וואָס איז פארבונדן מיט די גרויזאמע געשעענישן פון דער פאָטער־לענדישער מילכאָמע קעגן דעם פארהאסטן פאשיסטישן סוינע, מיט פאטאָס פון סאָוועטישן פאטריאָטיזם און נא־ציאָנאלן מוט.

לייענענדיק איצט די דאָזיקע זאמלונג פארצייכענונגען און אויך אנדערע דערציילונגען פון ריווקע רובין בייס דער מילכאָמע („אין א זייַטיק געסל", „וועמען דער שלאָס האָט געהיט"), איז מיר ניט ווילנדיק אופגעקומען א גע־דאנק: צי איז עפשער ניט א דראמאטישע מיספארשטייע־ניש ריווקע רובינס ליטערארישער גוירל, וואָס זי האָט אזויפיל יאָרן און באגאבונג אָפגעגעבן ליטעראטור, קרי־טיק, בייס איר בארוף איז עפשער גאָר געווען קינסט־לערישע פראָזע? ניין, איך זאָג זיך ניט אָפ פון דעם, וואָס איך האָב געשריבן פריִער, אז ריווקע רובין איז אן עכט באגאבטער קריטיקער. נאָר עפשער איז איר מער הויכער בארוף — בעלעטריסטיק? און עס קאָן זייַן, אז די ייִדישע ליטעראטור איז באגאנגען אן אוולע בענעגייע ריווקע רו־בין און בענעגייע זיך, דער ליטעראטור גופע, וואָס זי האָט ניט באמערקט די ערשטע געלונגענע פרווון פונעם שרייַבער, ניט געגעבן צו דער צייַט דעם שרייַבער די נייטיקע ריכטונג, ניט אָפגעשאצט ווי געהעריק ריווקע רובינס דערציילונגען און פארצייכענונגען און אזויארום פאראָרעמט אונדזער פראָזע. איך בין קימאט ווי זיכער: ווען ריווקע רובין זאָל די לעצטע פאָר צענדליק יאָר גע־ווען זיך פארנעמען מיט פראָזע, וואָלטן מיר געהאט נאָך איין רייַפן באדייַטנדיקן ייִדישן פראָזאיִקער.

און דאָס באווייַזן אירע דערציילונגען, וועלכע זי דרוקט די לעצטע פאָר יאָר אין „סאָוועטיש היימלאנד".

מיר איז שוין אויסגעקומען צו שרייַבן וועגן ריווקע רובינס דרייַ דערציילונגען אין פערטן נומער „סאָוועטיש היימלאנד" פארן 1964, אז זיי ציִען אף זיך די אופמערק־זאמקייַט מיט דער רייַפקייַט פון שפראך, מיט לירישקייַט און מיט לאָגיש געבויטן סוזשעט. דעמלט האָב איך נאָך ניט געוווסט וועגן אירע פארצייכענונגען און דערציילונ־גען פון די פערציקער יאָרן און איך האָב געקענט זיך ארויסזאָגן בלויז פאָרלויפיק און פאָרזיכטיק.

איצט האָט ריווקע רובין פארעפנטלעכט אין צוועלפטן נומער „סאָוועטיש היימלאנד" פארן 1965 נאָך דרייַ דער־ציילונגען, וועלכע גיבן שוין א מעגלעכקייַט צוזאמען מיט אירע פריִערדיקע ווערק צו ריידן גאנץ באשטימט וועגן איר ווי וועגן איינער פון די בעסערע שאפער פון אונדזער הייַנטצייַטיקער פראָזע.

ריווקע רובינס פּראָזע איז אָריגינעל. די דרײַ דערציילונגען „דער פּלעק", „קלאָרע שויבן", „די וועגן קרייצן זיך" זײַנען אַ פאַרבאַנצט ווערק, וואָס איז, עמעס, ניט קיין ראָמאַן, אָבער מער ווי דרײַ דערציילונגען. עס איז פאַראַן אין אָט די דערציילונגען אָדער אין דעם נאָוועליסטיש־פּראַגמענטאַרישן ראָמאַן דער עלעמענט פון עפּישער שילדערונג. די קאָמפּאָזיציע פונעם ווערק איז געבויט אפן אומבײַט פון צײַטן, וואָס כאַפּן אַרום גרויסע היסטאָרישע אָפּשניטן. האגאם ריווקע רובין מאָלט ניט דירעקט קיין היסטאָרישע געשעענישן, נאָר דער גורל פון מענטשן אין איר באַשרײַבונג דעקט זייער בוילעט אויף דעם קאָלאָריט פון דער צײַט. דורך דער פּסיכאָלאָגישער שילדערונג פון מענטשן ווערט קלאָר די פּסיכאָלאָגיע פון דער עפּאָכע. די דרײַ דערציילונגען זײַנען דרײַ פּאַנאָראַמעס, וואָס באַוועגן זיך אין דער צײַט. נאָר ריכטיקער וועט זײַן, אויב מיר וועלן זאָגן, אַז ניט זיי באַוועגן זיך, נאָר זיי אַנטשטייען פאַר אונדז דורך באַשטימטע צײַט־אָפּשטאַנדן, אָפּגעטיילטע איינע פון דער צווייטער, אָבער דאָך געבונדענע צווישן זיך. און אָט דער עפּישער אין טאָך געבוי פון דער קאָמפּאָזיציע האָט אָבער אַ לירישע פאָרם, וועלכע פאַרשמעלערט עפּשער די מעגלעכקײַטן פון ברייטער אָביעקטיווער שילדערונג, אָבער זי באַשײַנט דאָס ווערק מיט ליכטיקע פאַרבן, מיט עמאָציאָנעלער אָנגעזעטיקטקײַט. איך קלײַב זיך ניט געבן קיין אייצעס, נאָר די דרײַ דערציילונגען זײַנען אַן איידעס דערפון, אַז זייער אויטאָר האָט פּאָטענציעלע מעגלעכקײַטן צו שאַפן גרעסערע און ברייטערע עפּישע לייזונגען, ניט אָפּזאָגנדיק זיך אויך פון דער ליריש־עמאָציאָנעלער סטיכיע פון אירע איצטיקע דערציילונגען.

דער ליריש־סוביעקטיווער אויפן פון שילדערן איז מיסטאָם באַדינגט פון דעם אויטאָביאָגראַפיזם אין ריווקע רובינס ווערק. אָבער דאָס אויטאָביאָגראַפישע אין דעם פאַל איז ניט פאַרבונדן מיטן פאַקטאָגראַפישן. עס פילט זיך דורכויס, אַז דאָס אויטאָביאָגראַפישע, אויב עס איז פאַראַן און אַף וויפל עס איז פאַראַן, באַשטעטיקט בלויז מיטן רעאַלן הינטערגרונט פונעם געשילדערטן די קינסטלערישע וואָרהאַפטיקײַט פון די דערציילונגען. דאָס אויטאָביאָגראַפישע איז דאָך ביכלל אייגנטימלעך דער שאַפונג פון יעדן קינסטלער, אַף וויפל אין זײַן שאַפונג איז סאָפּקאָלסאָף פאַראַן זײַן אייגענע לעבנס־דערפאַרונג און זײַן אינדיווידואַליטעט.

סײַ די קאָמפּאָזיציע, סײַ דער סוזשעט פון רובינס דערציילונגען זײַנען אַזויאַרום, ווי איך האָב שוין געזאָגט, אָריגינעל. צי דערציילט דער אויטאָר (דער העלד) וועגן אַמאָל, צי מאָלט ער בילדער פון הײַנטצײַטיקײַט — קלינגט די שטים זײַנע נײַ. דאָס דאַרף מען ניט אילוסטרירן מיט ציטאַטעס, דאָס פילט יעדערער בײַם לייענען.

אין ריווקע רובינס דערציילונגען זײַנען די כאַראַקטערן נאָך ניט געשילדערט אַלזײַטיק, נאָר מערסטנטייל סילועטאַרטיק; איך וואָלט געזאָגט, אַז די שטריכן און די ליניעס זײַנען נאָך ניט אומעטום רעטושירט. אָבער אין דער זעלבער צײַט זײַנען די טנועס פון די פּערסאָנאַזשן אַזוי בוילעט און כאַראַקטעריסטיש, אַז זיי, די דאָזיקע פּערסאָנאַזשן, הייבן אָן אויסזען ווי געשטאַלטן. דאָס האָט אַ שײַכעס ניט נאָר צו דעם דערציילער גופא, נאָר אויך צו אַזעלכע פיגורן, ווי דער טאַטע („דער פּלעק"), ווי די מומע מאַלקע, טאַמאַראַ יאַקאָוולעוונאַ, יעפים באָריסאָוויטש („קלאָרע שויבן"), טשערנוכין, מאַקאַראָוו און אַנד. („די וועגן קרייצן זיך").

אין דער דערציילונג „דער שלאָס פון דעם פירשט בערגער" ווערט פאַרגעזעצט די שילדערונג פון דעם דערציילער. דאָס געשטאַלט ווערט געשטעלט אין נײַע סיטואַציעס און אַנטוויקלט אין נײַע פאַרבינדונגען, פאַרהעלטענישן און קאָנפליקטן. דאָס ווערק איז געבויט לויטן זעלבן פּרינציפּ, ווי די פריִערדיקע דרײַ דערציילונגען. אויך דאָ בײַטן זיך די פּאַנאָראַמעס פונעם לעבן; אויך דאָ איז די באַשרײַבונג פון דער פאָלקס־געשיכטע געבונדן מיטן גורל פון דעם דערציילער, פון זײַן לעבנס־געשיכטע; אויך דאָ קרייצן זיך איבער דאָס עפּישע מיטן לירישן. עס איז אָבער שוין גרינג צו באַמערקן די קאָנצענטרירטקײַט פון דעם שרײַבער אַף דער שילדערונג פון דעם געשטאַלט. באַזונדערס באַדײַטפול איז דאָס געשטאַלט פון דעם יינגל ניסל, שפּעטער — דעם באַגאַבטן געלערנטן, דאָקטאָר פון פיזיש־מאַטעמאַטישע וויסנשאַפטן ניסאָן כאַנאָוויטש גרין.

דאָס געשטאַלט פונעם געלערנטן, מיין איך, איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער שאַפונג פון ריווקע רובין. זי האָט ביכלל אַ נטיִע צו אינטעלעקט־געשטאַלטן (געלערנטע, קינסטלער, זשורנאַליסטן). ניסאָן גרין איז באַשטימט רובינס אַ דערגרייכונג. ער איז געצייכנט שאַרף, זיכער. דאָס איז אַ טיפּ פון אַ געלערנטן, וועלכן עס איז אויסגעפאַלן צו לײַדן, ווי אַ סאַך אַנדערע, פון פאַרשיידנערליי פּורעניִעס. אָבער קיינע שום טראַגישע אָדיסייעס קאָנען אים ניט אײַנבייגן און ניט ברעכן, ווײַל ער האָט אַן אידיי, אַ ציל, וואָס באַגײַסטערט אים, ווי פּראָמעטייען, — דאָס איז די וויסנשאַפט, דאָס פײַער, וואָס דאַרף ברענגען דער מענטשהײַט ליכט און וואַרעמקײַט.

אָבער זײַענדיק טיפּיש און כאַראַקטעריסטיש, איז ער אין דער זעלבער צײַט אַזוי ניט ענלעך אַף קיינעם, אַז ער זעט אויס אינגאַנצן נײַ און עס דאַכט זיך, אַז קיין צווייטן אַזעלכן האָבן מיר ניט באַגעגנט. און דער אויטאָר, דער דערציילער, איז פול מיט באַגײַסטערונג פאַר דעם געשטאַלט פון דעם גײַסטרײַכן מענטשן, און עס קומט אויף אַפן געדאַנק, אַז עפּשער האָט דער אויטאָר אין דעם געשטאַלט פאַרקערפּערט די אייגענע פאָרשטעלונגען וועגן אַן עמעסן מענטשן און אויך די אייגענע ליבע צו מענטשן. אַלנפאַלס דאַכט זיך מיר, אַז אין דעם פאַל האָט ריווקע רובין זיך ניט געהאַלטן באַם באַוווּסטן קלאַל: מאָל, מאָלער, און שווײַג! זי האָט, פאַרקערט, זיך געהאַלטן באַם פּרינציפּ: מאָל, מאָלער, און זאָג, וואָס דו מאָלסט!

האגאם ריווקע רובין האָט ניט קיין גאָר גרויסע דערפאַרונג פון קינסטלערישער שאַפונג, פילט זיך ניט אין אירע ווערק קיין אומזיכערקײַט, קיין אומבאַהאָלפנקײַט. זי איז ניט אײַנטאָניק, נאָר פאַרשיידנאַרטיק אין אירע מיטלען. זי קאָן איבערגעבן אי פרייד, אי טרויער. זי פאַרמאָגט אַלץ, וואָס עס דאַרף פאַרמאָגן אַ קינסטלער: אַן אויג, וואָס זעט, און אַן אויער, וואָס הערט, אַ געפיל צו שיינעם, צו שיינקײַט אין לעבן (דאָס איז באַזונדערס צו זען אין דער מיניאַטור „זון אַף די דעכער") און דעריקער — טאַלאַנט צו איבערגעבן דאָס געזעענע, דאָס געהערטע און דאָס שיינע אין דער נאַטור, אין לעבן און אינעם מענטשן.

פאַרענדיקנדיק אָט דעם קורצן עטיוד וועגן אַ קריטיקער און אַ פּראָזאַיִקער, וועגן דעם מענטשן און שרײַבער ריווקע רובין, דריקן מיר אויס די זיכערקײַט, אַז דער שפּעטערישער וועג פון אונדזער יוביליאַר איז אין סאַמע מיטן.

הערש רעמעניק